בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִיש

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון נ"ה

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת שמיני
שנת תשפ"ד


## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, שְׁנַת תשפ"ג

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר דִי מְלַמְּדִים אוּן מְחַנְּכִים, דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א.**

### דִי קִינְדֶער זֶענֶען זוּמֶער פַארְשְׁפִּילְט

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז אוֹיסְדֶערְוֶועלְט אַז מִיר הָאבְּן דִי זְכִיָה צוּ אַרְבֶּעטְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מִיר הֶעלְפְן אוּן בּוֹיעֶן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

יֶעצְט הֵייבְּן מִיר אָן דֶעם זוּמֶער זְמַן.

מֶען דַארְף ווִיסְן אַז זוּמֶער זֶענֶען דִי קִינְדֶער אַנְדֶערְשׁ פוּן ווִינְטֶער, זוּמֶער זֶענֶען דִי קִינְדֶער מֶער פַארְשְׁפִּילְט, אוּן נִישְׁט אַזוֹי עֶרְנְסְט צוּם לֶערְנֶען; אַזוֹי הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער בַּאשַׁאפְן דֶער נַאטוּר פוּן קִינְדֶער אוּן פוּן דֶערְוַואקְסֶענֶע, אַז ווִינְטֶער אִיז אַ מֶענְטְשׁ מֶער זִיצֶענְדִיג, מֶען קֶען מֶער מִיט הַאלְטְן דִי לִימוּדִים, אוּן זוּמֶער אִיז מֶען מֶער פַארְשְׁפִּילְט.

אָבֶּער אַז מֶען וֵוייסְט ווִי אַזוֹי צוּ צוּגֵיין צוּ קִינְדֶער, מֶען וֵוייסְט ווִי אַזוֹי אָנְצוּכַאפְּן אַ קִינְד, זַיין מֹחַ אוּן הַארְץ, אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק צְווִישְׁן זוּמֶער אוּן ווִינְטֶער, יָא פַארְשְׁפִּילְט אוּן נִישְׁט פַארְשְׁפִּילְט, אִין בֵּיידֶע צַייטְן קֶען מֶען אַסַאךְ אַרַיין לֵייגְן אִין זֵיי, אוּן מֶען קֶען מִיט חָכְמָה אֲפִילוּ בִּשְׁעַתְ'ן שְׁפִּילְן אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה אוּן מִידוֹת טוֹבוֹת.

### שְׁפִּילְן אִינֶעם אַמְבּוּלַאנְס מִיט דִי טֶעלֶעפָאוֹנְ'ס...

אִיךְ רֶעד יֶעצְט צוּ דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע פוּן ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אָבֶּער אִיךְ הָאף אַז מֶען וֶועט אַרוֹיפְלֵייגְן דֶעם שִׁיעוּר אוֹיפְ'ן הַאטְלַיין אוּן עֶס וֶועט אָנְקוּמֶען צוּ דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע פוּן שְׁטֶעטְל, וָואס דָארְט אִיז דִי זַאךְ מֶער ווִיכְטִיגֶער.

אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַזוֹי ווִי דִי מוֹסָד וַואקְסְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם, עֶס וֶוערְט גְרֶעסֶער אוּן גְרֶעסֶער, קֶען גֶעשֶׁען אַז עֶס זָאל וֶוערְן מֶער סִיסְטֶעמַאטִישׁ, מִיט רוּלְס (תַּקָּנוֹת), אָן הַארְץ. אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ דִי קְהִלָּה אוּן דִי מוֹסְדוֹת צוּוַאקְסְט זִיךְ, זָאל עֶס נִישְׁט וֶוערְן אַזוֹי ווִי אַ מַאשִׁין, אָן מֹחַ אוּן הַארְץ, אִיךְ ווִיל אַז אַלֶע מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס זָאלְן שְׁפִּירְן ווִי עֶס אִיז 'מַיין' מוֹסָד.

אִיךְ דַארְף נִישְׁט בַּיי מִיר אִין מוֹסָד מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס וָואס קוּמֶען אִין חֶדֶר אוּן שׁוּלֶע בְּלוֹיז כְּדֵי צוּ טוּן זֵייעֶר 'דְזְשַׁאבּ', אוּן עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט זֵיי נִישְׁט דִי קִינְדֶער אַ מִינוּט פַאר דִי צַייט אוּן אַ מִינוּט נָאךְ דִי צַייט.

קוּקְט דִי חִילוּק צְווִישְׁן דִי 'חֶבְרָה הַצָּלָה' פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן לְהַבְדִּיל אֶלֶף אַלְפֵי הַבְדָּלוֹת פוּן אוּמוֹת הָעוֹלָם; בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז מֶען הֶערְט אֵיינֶער שְׁפִּירְט זִיךְ נִישְׁט גוּט, אִיז נִישְׁט דָא דִי מַחְשָׁבוֹת 'עֶס אִיז יָא מַיין דְזְשַׁאבּ', 'עֶס אִיז נִישְׁט מַיין דְזְשַׁאבּ', מֶען לוֹיפְט, מֶען צֶערַייסְט זִיךְ, אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ קֶענֶען אָנְקוּמֶען אַ סֶעקוּנְדֶע פְרִיעֶר צוּם חוֹלֶה אוּן רַאטֶעוֶועוֶן זַיין לֶעבְּן, ווִידֶערְאוּם דִי שְׁטָאטִישֶׁע חֶבְרָה הַצָּלָה, זֵיי הָאבְּן אַ גֶעזֶעץ אַז פוּן וֶוען דִי רוּף קוּמְט אַרַיין דַארְפְן זֵיי זַיין צְווִישְׁן אַכְט אוּן צֶען מִינוּט בַּיים חוֹלֶה, אַז זֵיי זֶעעֶן אַז עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט צֶען מִינוּט, בְּלַייבְּן זֵיי שְׁפִּילְן אִינֶעם אַמְבּוּלַאנְס מִיט דִי טֶעלֶעפָאוֹנְ'ס... אוֹיךְ וֶוען עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ זַיין צַייט פוּן לוֹיפְן רַאטֶעוֶועוֶן מֶענְטְשְׁן, אוּן עֶר זֶעט ווִי אֵיינֶער אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין פָארְנְט פוּן זַיינֶע אוֹיגְן, עֶס גִיסְט זִיךְ בְּלוּט, גֵייט אִים עֶס נִישְׁט אָן, וַוייל 'יֶעצְט אִיז דָאס נִישְׁט מַיין דְזְשַׁאבּ'...

### • סִיסְטֶעמַאטִישׁ

אִיךְ ווִיל נִישְׁט הָאבְּן אִין מַיינֶע מוֹסְדוֹת אַזֶעלְכֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, אִיךְ ווִיל נִישְׁט הָאבְּן קַיין מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס וָואס קוּמֶען 'טוּן זֵייעֶר דְזְשַׁאבּ'; דַיין דְזְשַׁאבּ אִיז: זַיין אַ מְחַנֵּךְ 'פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה'! דָאס אִיז סֵיי דַיין דְזְשַׁאבּ אוּן אוֹיךְ מַיין דְזְשַׁאבּ אוּן דִי דְזְשַׁאבּ פוּן יֶעדְן אִיד.

אַז מֶען קוּמְט אַרַיין אִין לָאנְטְשׁ רוּם (עֶס זַאל) אוּן מֶען זֶעט זַאכְן וָואס טוֹיגְן נִישְׁט, ווִי צוּם בֵּיישְׁפִּיל, עֶס אִיז אִיבֶּער גֶעדְרֵייְדְט, אָדֶער עֶפֶּעס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן, אָדֶער אַ קִינְד טְשֶׁעפֶּעט אַ צְוֵוייטֶע קִינְד, קֶען מֶען נִישְׁט זָאגְן: **"עֶס אִיז נִישְׁט מַיין דְזְשַׁאבּ"**... וַוייל עֶס אִיז יָא מַיין דְזְשַׁאבּ! אִיךְ בִּין אַ אִיד אוּן אִיךְ דַארְף זֶען אַז דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם מִיר זָאלְן וֶוערְן גוּט מְחוּנָךְ.

## איך בין דאך א איד!

א פרוי האט דערציילט פאר מיין ווייב תחי', איר טאכטער ארבעט אין א פלעי' גרופ און זי איז מקורב צו היכל הקודש, זי ווייסט אז מען דארף רעדן צו קליינע קינדער פון זיין ערליך. איין טאג האט זי געזען ווי צוויי קליינע קינדער שפילן זיך נישט איידל, איז זי צוגעגאנגען צו די קינדער און געזאגט: "**דער אייבערשטער איז דא, מען טאר דאס נישט טון!**" איז א צווייטע לערערין דורך געגאנגען און געזען ווי זי רעדט צו די קינדער, האט זיך איר פארגעהאלטן: "**פארוואס זאגסטו זיי אז מען טאר דאס נישט טון?!**" ענטפערט זי: "**וואס הייסט? איך זע ווי די צוויי קינדער טוען וואס מען טאר נישט!**" ענטפערט די לערערין: "**דאס איז נישט דיין דזשאב! די עלטערן וועלן זאגן פאר די קינדער וואס זיי האבן צו זאגן, און מיר דארפן נאר זען אז די קינדער זאלן זיין צופרידן, פאר פורים זאלן זיי אהיימקומען פארשטעלטערהייט, און קענען די לימודים וואס מיר לערנען!**"

עס איז נישט צום גלייבן אז א היימישע מענטש זאל אזוי רעדן. "דאס איז נישט אונזער דזשאב"?! איך בין דאך א איד! אפילו ווען איך גיי אין גאס און איך זע צוויי קינדער באהאלטן זיך און טוען נישט איידעלע זאכן, אפילו איך זאל נישט זיין זייער מלמד, און זיי זענען אפילו נישט פון מיין קרייז, דארף איך זיי זאגן: "**קינדערלעך מען טאר דאס נישט טון, דער אייבערשטער איז דא!**"

כל שכן וכל שכן אז מען ארבעט אין א מוסדות דארף מען זען צו העלפן מיט וואס מען קען נאר, צו מחנך זיין אידישע קינדער.

## א קינד ווערט צעטראטן השם ישמרינו

איך זיץ יעצט מיט די הנהלה אויסצושטעלן דעם קומענדיגן יאר, ברוך השם מען האט קום אנגעהויבן דאס יאר און מען גייט שוין אנהייבן נאך א יאר, עס גייט א יאר נאך א יאר, ווייל איך אייך בעטן, ווער עס האט נישט קיין כח, ער איז שוין אויסגעברענט, זאל מיר זאגן, ווייל איך דארף נישט קיין מלמדים וואס זענען סיסטעמאטיש, איך דארף נישט קיין מלמדים וואס זאגן אויף יעדע זאך: "**דאס איז נישט מיין דזשאב**".

ווען א באס פארט חס ושלום איבער א קינד און דאס קינד ווערט צעטראטן השם ישמרינו, פאלט קיינעם נישט איין צו זאגן: "**איך בין נישט דער באס רבי**", נאר מען לויפט זען וואס מען קען ראטעווען, אזוי דארף מען אנקוקן יעדע זאך פון חדר און שולע, ווען מען זעט סיי וואס אויף א קינד, צום ביישפיל אויב א קינד קוקט נישט אויס מסודר, דער קינד שמייכלט נישט און ער זעט אויס צעבראכן, דארף מען זען וואס מען קען העלפן דעם קינד, און מען דארף דאס איבער געבן פאר'ן מנהל.

היינט אינדערפרי בין איך אנגעקומען אין ישיבה, זע איך אויף א בחור'ס פנים אז ער איז זייער זייער נישט בסדר, בין איך צוגעגאנגען צו אים און געפרעגט: "**וואס גייט פאר מיט דיר? דו זעסט נישט אויס גוט, דו האסט א טויטע פנים, אפשר טשעפעט דיך איינער, איינער רודפ'ט דיר?**" זאגט ער מיר: "**יא! א בחור פייניגט מיך**", איך האב גלייך מסדר געווען דעם פראבלעם.

איך וואלט געקענט זאגן: "**דאס איז נישט מיין דזשאב! איך קום אין ישיבה צו זאגן פאר די בחורים צו לערנען משניות, און זיי זאלן זיצן אויפ'ן פלאץ, זיך שאקלען מיט די גארטל...**" אבער מען טאר נישט אזוי, מען דארף אריין לייגן הארץ אין די קינדער, דאס איז דער עיקר!

## קינדער ווארטן אויף א גוט ווארט

איך האף אז די מלמדים און לערערינס לערנען מיט די קינדער וואס מען דארף; מען קען נישט סתם זיצן און גארנישט טון, קינדער דארפן קענען דאווענען, ליינען, הלכות, און אין בית פייגא לערנט מען אויך פירוש המילות פונעם דאווענען.

איך וויל אייך בעטן, חוץ די לימודים וואס מען לערנט מיט די קינדער זאל מען אויך געבן גוטע ווערטער פאר די קינדער. דאס זאל זיין דער עיקר ציל פארוואס א לערערין קומט אין שולע, צו געבן גוטע ווערטער פאר די קינדער.

עס איז נעבעך דא קינדער וואס ווערן געטשעפעט פון זייערע עלטערן, זיי ווארטן אויף א גוט ווארט פון זייער מלמד און לערערין.

איך האב געהאט א מעשה, א קינד איז צוגעקומען צו מיר זאגן: "**איך גיי נישט אהיים, מיין מאמע האט מיך פיינט, מיין מאמע זאגט מיר זי גייט מיך הרג'ענען, זי גייט מיר צעשניידן!**" עס איז נישט א קינד וואס חלומ'ט און מאכט אויף מעשיות, ווייל סיי איך הער דאס פון דער זון אין חדר און סיי די מנהלת הערט עס פון די טאכטער אין שולע.

נישט אלע מעשיות וואס קינדער דערציילן דארף מען אננעמען, ווייל היינט איז געווארן א נייע וועלט, אויב א מאמע זאגט פאר א קינד וואס צו טון, צום ביישפיל, זי לאזט נישט איר קינד גיין שלאפן ביי א צווייטע הויז, מיינט שוין אז 'מיין מאמע אביוזט מיך'! דאס הייסט נישט אביוזן, איך האב אויך קיינמאל נישט געלאזט מיינע קינדער גיין שלאפן ערגעץ אנדערש, איך געב זייער אכטונג אויף מיינע קינדער.

אבער עס איז דא פעלער וואס עלטערן טשעפען זייערע קינדער, זיי שרייען אויף די קינדער, זיי צעקלאפן די קינדער, דארף מען זען צו געבן פאר אלע קינדער גוטע ווערטער.

מען קען נישט געבן קיין געמאכטע גוטע ווערטער, איך ווער פאראיבלט ווען איך הער געמאכטע גוטע ווערטער. א קינד דארף א הארציגער מלמד, א הארציגע לערערין, וואס זאל זאגן: "**ביסט אזוי ספעציעל**", "**ביסט אזוי וואויל**".

## פשוט'ע שיינע ווערטער

מען דארף אפילו נישט זאגן ספעציעלע ווערטער, א קינד פריידט זיך אפילו מיט פשוט'ע שיינע ווערטער, ווי: "**א גוט מארגן**", "**א גוטן טאג**", "**וואס הערט זיך?**" "**ווי אזוי איז געווען ענקער שמחה?**" "**ווי אזוי איז געווען דיין שבת?**" "**וואו ביסטו געווען יום טוב?**" "**ווי אזוי איז געווען די שמחה?**" "**וואס האסטו געבעטן פאר אפיקומן?**" "**האסט שוין געטראפן וואס דו האסט געדארפט איינצוקויפן?**"

איינער פרעגט מיר: פארוואס שטעלט דער ראש ישיבה אפ יעדער אינגל פון פסח אינדערפרי ביז א וואך נאך פסח און פרעגט אים: "**וואס האסטו געבעטן פאר אפיקומן?**" וואס גייט אן פאר'ן ראש ישיבה וואס יעדער האט געבעטן פאר אפיקומן?! - דער ענטפער איז, עס גייט מיר נישט אן וואס יעדער בעט פאר אפיקומן, איך הער אפילו נישט צו וואס מען ענטפערט מיר, אבער א קינד פריידט זיך צו שטיין נעבן זיין ראש ישיבה און זען ווי ער איז נייגעריג אין אים, עס איז שוין נישט קיין חילוק וואס דער ענטפער איז, וואס ער האט געבעטן, אדער אויב ער געדענקט נישט וואס ער האט געבעטן, אדער ער האט גארנישט געבעטן, דאס אליינס אז מען אינטערעסירט זיך אויף אים דאס איז פאר אים לעבן.

### מען זאל זיין צייטליך

איך וויל בעטן פון אלע מלמדים און לערערינס מען זאל זיין צייטליך.

אז מען קומט אן די לעצטע מינוט, מיט די נשמה אין די האנט, מיינט עס: "נישט צייטליך!"

ניין אזייגער דארף מען שוין זיין בארואיגט און אפגעאטעמט פון די שוויצן פון די לאנגע וועג צום חדר, מען דארף שוין האבן עפעס געגעסן און זיין אין כתה גרייט אויפצונעמען די קינדער.

עס איז נישטא וואו צו גיין ביינאכט, עס איז נישטא וואו צו פארברענגען ביינאכט; אז מען איז א מלמד אדער א לערערין דארף מען גיין שלאפן ביינאכט, ביינאכט איז גארנישט דא.

אויב מען האט א שמחה און מען גייט שלאפן שפעט, מוז מען פארדעם מסדר זיין איינער וואס זאל איבער נעמען, מען קען נישט קומען אין כתה מידערהייט.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן אסאך הצלחה און סייעתא דשמיא, אמן.

## בריוון פון חינוך

פונעם ראש ישיבה שליט"א

### וואס טוט מען מיט א קינד וואס ווארפט צוריק א קאמפלימענט?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין א מלמד, און איך פרובירט צו לעבן מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן.

איך וויל פרעגן וואס צו טון מיט א אינגל אין מיין קלאס וואס יעדעס מאל ווען איך געב אים א קאמפלימענט אינמיטן דאווענען אדער לערנען אז ער דאווענט אדער לערנט שיין אדער סיי וואס, ווארפט ער אלץ צוריק די קאמפלימענט, און לכבוד דעם הערט ער גאר אויף צו טון די גוטע זאך וואס ער טוט.

יישר כח

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת בהר בחוקותי, כ' אייר, ל"ה לעמר, שנת תשפ"ג לפרט קטן

**לכבוד המלמד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

עס זענען דא קינדער וואס ווייסן נישט ווי אזוי צו נעמען גוטע ווערטער, און ווען זיי הערן גוטע ווערטער, אנשטאט דאס אראפשלינגען - וועלן זיי אנהויבן טון מאדנע זאכן, אדער דאס פארקערטע.

אז דער קינד טוט פונקט פארקערט - זאלסטו אים געבן די קאמפלימענטן פריוואט, געב אים נישט קיין קאמפלימענטן ברבים; פריוואט וועט ער דאס קענען פארדייען.

שטארק זיך מיט דיין הייליגע ארבעט.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

(עצתו אמונה יום טוב שבועות תשפ"ג)

### וואס טוט מען מיט חילוקי דעות צווישן עלטערן ווי אזוי מחנך צו זיין?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך האב געוואלט פרעגן אזוי, מיין זעקס יעריגע טאכטער איז זייער אן אומצופרידענע, ווי אויך פארגינט זי נישט ווען איר שוועסטער אדער שכן וכדומה באקומט עפעס, ווען דאס געשעט פרוביר איך צו זיין שטרענג און איר מסביר זיין אז מען קען נישט אלעס האבן וואס א צווייטער האט, און דאס גלייכן.

זי גייט צי א טערעפיסט אין שולע, מיין ווייב האלט איז זי דארף עס האבן וועגן אירע שווערע נאטורן, די טערעפיסט האט געזאגט אז מען טאר נישט זיין שטרענג מען דארף נאר ארויס ווייזן מיטלייד צו איר, כדי איר צו ווייזן אז מען פארשטייט איר.

אסאך מאל ווען איך ווער שטרענג מיט איר, איך שלאג נישט ברוך השם, געבט מיר מיין ווייב א וואונק אז איך זאל אויפהערן און נאר שאקלען מיט'ן קאפ און איר געבן געערעכט פאר אלע אירע טענות און פראבלעמען, איך וויל וויסן וואס איז טאקע די ריכטיגע וועג ווי אזוי דאס צו האנדלען.

יישר כח

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת תצוה, ז' אדר, שנת תשפ"ג לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

ווילסטו וויסן דער סוד צו האבן גוטע קינדער? תפלה איז דער סוד פאר גוטע קינדער; אז דו ווילסט האבן גוטע קינדער זאלסטו בעטן יעדן טאג דעם אייבערשטן פאר זיי.

מוהרא"ש פלעגט אונז שטענדיג דערציילן די מעשה פונעם חפץ חיים. אמאל איז א איד געקומען צום הייליגן חפץ חיים זכותו יגן עלינו און געבעטן א

בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן זַיין פְּלַאץ אוּן אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן סְפָרִים שַׁאנְק אַן אַלְטֶע תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט, עֶר הָאט דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט: "זֶעסְט? דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, וואו זִי פְּלֶעגְט יֶעדְן טָאג ווֵיינֶען אַז זִי זָאל הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער".

עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג אַז דוּ אוּן דַיין ווַייבּ זָאלְן זַיין מִיט אֵיין דֵעָה בְּנוֹגֵעַ דִי קִינְדֶער, דָאס אִיז ווִיכְטִיגֶער פוּן אַלֶעס; שָׁלוֹם בַּיִת אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג פַאר דִי גֶעזוּנְט פוּן דִי קִינְדֶער, קִינְדֶער וואַקְסְן אוֹיף זִיכֶער אוּן גֶעזוּנְט ווֶען דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען אֵיינְשְׁטִימִיג, ווֶען דִי עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ נִישְׁט.

דֶערִיבֶּער אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג אַז דוּ אוּן דַיין ווַייבּ זָאלְן מַחְלִיט זַיין ווִי אַזוֹי אוּמְצוּגֵיין מִיט דֶעם קִינְד, ווִי אַזוֹי צוּ בַּאהַאנְדְלֶען דִי שְׁוֶוערֶע נַאטוּרְן. אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן אַ תּוֹרָה, אוּנְזֶער ווֶעג אִיז נִישְׁט ווִי דִי טֶערֶעפִּיסְטְן לֶערְנֶען, דִי תּוֹרָה ווֶעג אִיז יָא מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער, זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן טוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג, אוּן ווֶען קִינְדֶער פַארְפִירְן אוּן ווִילְדֶעוֶוען - דַארְף מֶען זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ.

אָבֶּער דָאס קֶענְסְטוּ טוּן אַז דַיין ווַייבּ אִיז מִיט דִיר, אַז זִי פַארְשְׁטֵייט אוֹיךְ אַז דָאס אִיז דִי אֱמֶתְ'עֶ ווֶעג, זִי ווִיל פִירְן אַ שְׁטוּבּ אַזוֹי ווִי אַלֶע אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער; דֶער טַאטֶע אִיז שְׁטְרֶענְג, עֶר אִיז מְחַנֵּךְ, אוּן דִי מַאמֶע קוּמְט אַרַיין מִיט דִי גְלֶעט אוּן ווַייכֶע ווֶערְטֶער וְכוּ'. אָבֶּער אַז זִי ווִיל גֵיין מִיט דִי לִינְקֶע ווֶעג פוּן גָארְנִישְׁט זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער, זֵיי לָאזְן אוֹיפְוואַקְסְן מִיט דִי שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּרְן - דֶעמָאלְט ווֶעט דָאס קִינְד זַיין דִי כַּפָּרָה הִינְדְל צְווִישְׁן דִיר אוּן דַיין ווַייבּ.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זֶען עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ, זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט דַיין ווַייבּ; דֶעמָאלְט ווֶעט שׁוֹין זַיין נַחַת אוּן אַלֶעס גוּטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה פרשת ויקהל פקודי תשפ"ג)

## זָאל אִיךְ נוּצְן פְּרָאטֶעקְצְיֶע אַרַיינְצוּלֵייגְן מַיין טָאכְטֶער אִין שוּלֶע?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ דַארְף יֶעצְט אַרַיינְשִׁיקְן מַיין טָאכְטֶער אִין שוּלֶע, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט בַּיי עֶטְלִיכֶע מוֹסָדוֹת, אָבֶּער קֵיינֶער ווִיל מִיר נִישְׁט אָנְנֶעמֶען.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ אִיךְ זָאל בִּכְלָל פְּרוּבִּירְן מִיט פְּרָאטֶעקְצְיֶע אוּן אַנְדֶערֶע ווֶעגְן צוּ קֶענֶען אִיר אַרַיינְלֵייגְן אִין אַ מוֹסָד?

יִישַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ב' אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַדַאי! טוּ אַלֶעס וָואס דוּ קֶענְסְט נָאר אַז דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן גוּטֶע עֶרְלִיכֶע מוֹסָדוֹת.

קֶענְסְט נוּצְן אוּנְזֶער פְּרָאטֶעקְצְיֶע; דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען ווִיל - דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע פְּרָאטֶעקְצְיֶע, תְּפִלָּה אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלֶעס. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט קֶענֶען גֶעבְּן דִי בֶּעסְטֶע חִינוּךְ פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פַאר זֵיי; ווַייל נָאר תְּפִלָּה אִיז דִי ווֶעג פַאר גוּטֶע קִינְדֶער.

אִיךְ ווִיל דִיךְ דֶערְמַאנֶען דִי מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט פוּן הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים. אַמָאל אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים פְרֶעגְט אִים: "מִיט אַ בְּרָכָה ווִילְסְטוּ הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער? עֶס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי, גוּטֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", עֶר ווַייזְט פַאר דֶעם אִיד זַיין מַאמֶע'ס תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט, אוּן זָאגְט אִים: "אַזוֹי הָאט מֶען גוּטֶע קִינְדֶער"; זָאלְסְטוּ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער עֶרְלִיכֶע אִידְן, תַּלְמִידֵי חֲכָמִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה פרשת אחרי קדושים תשפ"ג)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876